# פרשת עקב י"ז – כ"ג אב תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם יעקב בראדי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו', ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבתיך (דברים ז-יב). רש"י שטעלט זיך, וואס איז דער לשון 'עקב'. עס וואלט געדארפט שטיין, והיה אם שמוע תשמעון. - און נאך דארף מען פארשטיין, אויב מען האט אפגעהיטן די תורה, דארף שוין נישט זיין ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד 'אשר נשבע לאבתיך'. עס קומט זיך דאך שכר אינעם אייגענעם זכות, ער אליין האט דאך געהיטן די מצוות.

**ביי** א ברית מאכט מען די ברכה, אשר קדשנו במצותיו, וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. פארוואס ווען מיר זענען מקיים די מצוה פון מילה, דארף מען עס משלב זיין צו די ברית פון אברהם אבינו. אמת אז ביי מצות מילה האט דער אייבערשטער קודם כורת געווען א ברית מיט אברהם. אברהם איז געווען דער ערשטער וואס האט עס מקיים געווען. אבער פארוואס האט מען ארויסגעהויבן להכניסו בבריתו של 'אברהם אבינו'.

**מען** געפונט בשעת דער אייבערשטער האט מצווה געווען אברהם אבינו אויף די מצוה פון מילה, שטייט אין פסוק (בראשית יז-כו), אז אברהם האט זיך גע'מל'ט מיט ישמעאל, און נאכדעם זאגט דער פסוק, וכל אנשי ביתו יליד בית ומקנת כסף מאת בן נכר נימולו אתו. לכאורה שטייט דאך דאס שוין פארדעם (שם יז-כג) אז ער האט גע'מל'ט ישמעאל מיט די ילידי ביתו און די מקנת כסף, ווייסט מען דאך שוין אז זיי זענען גע'מל'ט געווארן צוזאמען, פארוואס חזר'ט די תורה נאכאמאל איבער, וכל אנשי ביתו ילידי בית ומקנת כסף וגו' נימולו אתו.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, איך האב שוין אמאל גערעדט דערפון (עיין בגליונינו פרשת ואתחנן תשע"ד), אז מען זעהט אז דער אייבערשטער האט אפגעשטופט די ברית פון אברהם אבינו כמעט ביז די הונדערט יאר, און דעמאלטס האט ער אים מצווה געווען, אז ער זאל זיך מל'ן. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז אברהם אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולו עד שלא ניתנה (יומא כח:), אויסער די מצוה פון מילה האט ער נישט געקענט מקיים זיין פריער, ווייל ער האט עס געוואלט מקיים זיין אלץ מצווה ועושה, און מצות מילה קען מען נישט מקיים זיין צוויי מאל, האט ער געמוזט אויסווארטען ביז דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען. דאס איז א תירוץ פארוואס אברהם אבינו האט געמוזט ווארטען, און ער האט עס נישט געקענט מקיים זיין פריער. אבער וואס איז דער טעם אז דער אייבערשטער האט אויסגעווארט מיט די מצוה אזוי לאנג.

**דער** ענין דערפון איז, עס שטייט פונעם הייליגן **רבי ר' זושא זי"ע**, מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה (קידושין מ.). יעדע מצוה דארף א יוד מקיים זיין במחשבה, בלתי לה' לבדו, אן קיין שום פניות, און נאכדעם דארף מען מקיים זיין די מצוה בפועל. יעדע מצוה איז צוזאמגעשטעלט פון א מחשבה, מיט א מעשה. אמאל איז דא א יוד וואס האט די מחשבה, אבער עס קומט אים נישט אויס אז ער זאל עס קענען מקיים זיין במעשה. ער וויל געבן אסאך צדקה, אבער ער איז א ארימאן, און ער קען נישט. ער האט א מחשבה, ער האט א גוט הארץ, אבער למעשה קען ער עס נישט אויספירן. אמאל איז דא פארקערט, די מעשה איז ער מקיים, אבער ער איז נישט אין די מדריגה, אז ער זאל עס טון מיטן גאנצן הארץ, בלתי לה' לבדו. קומט אויס, אז דער וואס האט די מחשבה האט נישט קיין שלימות, און דער וואס האט די מעשה האט נישט קיין שלימות. גייט דער אייבערשטער און ער איז מצרף ביידע צוזאמען. ער נעמט די מעשה וואס דער יוד האט געטון, און אז עס פעלט די מחשבה, נעמט ער די מחשבה פון דעם צדיק וואס האט געהאט א מחשבה צו טון גוטס, און לייגט עס צו,

צו די מעשה וואס דער יוד האט געטון. 'מחשבה טובה', די גוטע מחשבה פון איינעם, 'הקב"ה מצרפה', טוט עס דער אייבערשטער מצרף זיין, 'למעשה'. קומט אויס, אז פוןביידע צוזאמען איז נגמר געווארן א שלימות'דיגע מצוה.

**אברהם** אבינו האט משתוקק געווען אזויפיל יארן אז ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון מילה. ער האט עס נאר נישט געקענט מקיים זיין, ווייל ער האט געמוזט אויסווארטען ביז דער אייבערשטער וועט אים מצווה זיין. דער אייבערשטער האט געוואלט, אז אברהם אבינו זאל האבן א השתוקקות, א מחשבה, יארן לאנג האט ער געהאט א השתוקקות מקיים צו זיין די מצוה פון מילה, אז שפעטער ווען א יוד וועט מקיים זיין מצות מילה, און ער וועט האבן נאר די מעשה, און נישט די מחשבה טובה וואס פעלט אויס, וועט דער אייבערשטער נעמען די מחשבה פון אברהם אבינו, און ער וועט עס צוזאמשטעלן מיט די מעשה וואס דער יוד איז מקיים, און עס וועט זיין א שלימות'דיגע מצוה. האט דער אייבערשטער געווארט אזויפיל יארן ביז ער האט מצווה געווען אברהם אבינו, אז עס זאל זיך צוזאמקלויבן מחשבות טובות פון אזויפיל יארן, יעדע מינוט און יעדן טאג וואס אברהם אבינו האט משתוקק געווען מקיים צו זיין די מצוה, אז עס זאל זיין גענוג מחשבות, אז מען זאל עס קענען צוטיילן פארן כלל ישראל.

**זאגט** די תורה הק', ווען אברהם האט זיך גע'מל'ט, איז עס געווען א שלימות'דיגע מצוה. סיי ער האט געהאט א הייליגע מחשבה ביים מקיים זיין די מצוה, און סיי ער האט זיך גע'מל'ט בפועל. אבער די בני בית, איז דאך נישט קיין הכרח אז זיי האבן געהאט א מחשבה, און זיי האבן זיך געוואלט מל'ן. במעשה האט זיי אברם גע'מל'ט, זיי האבן נישט געהאט א ברירה. זאגט דער פסוק, אז דער אייבערשטער האט גענומען די מחשבות פון אברהם אבינו, און ער האט עס צוגעשטעלט צו די מעשה פון די בני בית, און צוזאמען איז עס געווארן א שלימות'דיגע מצוה. 'וכל ילידי ביתו ומקנת כספו', אלע בני בית פון אברהם, 'נימולו', זענען גע'מל'ט געווארן, 'אתו', צוזאמען מיט אברהם אבינו. דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט אברהם אבינו'ס מחשבה, מיט זייער מעשה, און צוזאמען איז עס געווען א שלימות'דיגע מצוה.

**ווען** מען מל'ט א קינד, קען דען א יוד זאגן אז ער האט געהאט די ריכטיגע מחשבה ווי עס דארף צו זיין. מאכט מען די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, איך בין מכניס מיין קינד בברית, און איך בין עס מצרף מיטן ברית פון אברהם אבינו. ביי בריתו של אברהם איז דא א מחשבה טובה וואס איז אוועקגעלייגט פאר אלע דורות, און איך בין יעצט מכניס מיין קינד אין דעם ברית פון אברהם אבינו. אברהם'ס מחשבה, מיט מיין מעשה, צוזאמען זאל זיין א שלימות'דיגע מצוה.

**קומט** דאך אויס, אז ביי יעדע מצוה, דארף מען האבן א מחשבה טובה, מיט א מעשה. און אמאל איז דא וואס דער מענטש האט נאר די מעשה, און עס פעלט אים די מחשבה, אבער דער אייבערשטער איז מצרף די מחשבה פון א צווייטען יוד, צו אים. די מעשה, דאס איז דער עקב, דער סוף, סוף מעשה במחשבה תחלה. די מחשבה איז קודם, און נאכדעם קומט די מעשה. זאגט די תורה הק', והיה 'עקב' תשמעון את המשפטים האלה, אפילו עס וועט ענק פעלן די מחשבה, און מען וועט נאר האבן די סוף, מען וועט נאר האבן די מעשה. פון דעסטוועגן דאך וועט דיר דער אייבערשטער געבן אלעס וואס איז אויסגערעכנט שפעטער, ווייל ושמר ה' אלקיך לך את הברית, דער אייבערשטער וועט עס טון אזוי ווי ביי א ברית. וואס ביי א ברית נעמט דער אייבערשטער די מעשה וואס דער טאטע איז מקיים, און ער טוט עס צוזאמשטעלן מיט די מחשבה פון אברהם אבינו. אזוי וועט דער אייבערשטער צוזאמשטעלן יעדען יוד, ווי אזוי ער וועט מקיים זיין א מצוה, אפילו עס האט אים געפעלט די מחשבה, אבער עס איז דא יודען וואס האבן גוטע מחשבות, און זיי קענען עס נישט אויספירן למעשה, וועט דער אייבערשטער מצרף זיין די מחשבה מיט די מעשה. אפילו והיה 'עקב' תשמעון את המשפטים האלה, מען וועט נאר אפהיטן די מצות מיטן עקב, עס וועט פעלן די מחשבה תחלה. ושמר ה' אלקיך לך את הברית, וועט דער אייבערשטער געדענקן, אז ביי א ברית

האט דער איבערשטער אונז געלערנט, אז ער איז מצרף די מחשבות פון אברהם אבינו מיט די מעשה, און ואהבך וברכך והרבך, ער וועט דיר געבן די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די פרשה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יוסף געשטעטנער** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל חנוכת בית המדרש החדש **'נעימות ברוך'** במחנה סקאליע, ונשא מדברותיו לכבוד המאורע.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, וברשות כל הנאספים. עס איז ביי מיר א געוואלדיגער תענוג אטייל צונעמען דא ביי דעם חנוכת הבית, ב"ה מען האט אויפגעשטעלט אזא שיין בית המדרש. דער רבי איז געווען מכבדו בחיים, און מכבדו במותו. בן יכבד אב (מלאכי א-ו), אין אזא קורצע צייט אויפגעשטעלט אזא בית המדרש לעילוי נשמת פון זיין חשובען פאטער (**הרב יוסף ברוך פנחס ראבינאוויץ ז"ל, בן כ"ק האדמו"ר מסקאליע זצ"ל**). די שטריכן וואס זענען געווען, דאס איידלקייט, דאס ערליכקייט, דאס יראת שמים, זיין ליגן אין תורה, האט אסאך זאכן געענדלט צו זיין פאטער, איז עס אוודאי א געוואלדיגער זכות לעילוי נשמתו.

**איך** האב א געוואלדיגע הנאה ווען איך דערמאן זיך צוריק, ווען איך בין געווען ביים הייליגן **סקאליער רבי'ן זיעועכ"י** מיט יארן צוריק. דאס ערשטע מאל וואס איך האב אים געזען, גייט צוריק מיט איבער פופציג יאר, איך בין אפשר געווען נאך פאר די בר מצוה, איך בין געווען ביים טיש דעם צווייטען טאג שבועות, ער האט געפירט א טיש לעילוי נשמת דעם **בעל שם טוב הק' זי"ע**, און ער האט דעמאלטס געזאגט א טעם, פארוואס שבועות ווערט אנגערופן עצרת. ווייל עס שטייט אין **חסד לאברהם**, אז תש"ס וועט זיין דער סוף פון תחיית המתים. האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין **זוהר הק'** (זוהר חדש ח.) אז אין זכות פון תורה וועלן יודען ארויסגיין פונעם גלות, און מען וועט זוכה זיין צו תחיית המתים. וועגן דעם ווערט שבועות אנגערופן עצרת, ווייל עצרת באטרעפט תש"ס, וואס דעמאלטס וועט זיין דער סיום פון די גאולה.

**איך** דערמאן זיך צוריק ווען איך האב עס געהערט, עס איז געווען דעמאלטס אין די תש"כ יארן, אז איך האב געטראכט, תש"ס, אין פערציג יאר ארום, וועט ערשט משיח קומען, און דעמאלטס וועט זיין תחיית המתים. איך האב עס נישט געקענט אראפשלונגען, אז עס וועט נעמען אזוי לאנג, ביז עס וועט אנקומען. און היינט האלט מען שוין תשע"ו, און אונז זיץ מיר נאך דא אין גלות.

**דער סקאליע רבי** פלעגט זיין זומער אין האטעל אש"ל. עס איז געווען דעמאלטס פון די איינציגסטע האטעלן וואס איז געווען היימיש, עס איז געווען דארט מערערע רבנים וואס זענען זיך צוזאמענגעקומען דארט אויפן זומער, מיין **טאטע זכרונו לברכה** פלעגט אויך צו זיין דארט זומער אין האטעל. איך דערמאן זיך צוריק, שבת ביי שלש סעודות ווען דער **סקאליע רבי** איז געזעצן אויבן אן, און די רבנים זענען געזעסן פון די צוויי זייטן, די באַ'טעמטקייט און די שיינקייט וואס איז געווען דעמאלטס.

**דער** סדר איז געווען, אז פאר די תורה פלעגט מען אים פארצוזאגען א פסוק, און ער פלעגט אויף דעם צו טייטשן. עס איז געווען אזעלכע וואס פלעגן אויסזוכען גאר א שווערן פסוק וואס מען זאל אים פארזאגען, כדי צו הערן וואס ער קען אויף דעם מחדש זיין. פאר מיין **טאטע זכרונו לברכה** איז אויך אויסגעקומען מערערע מאל פארצוזאגן א פסוק. און ער פלעגט צו זאגען אינדערהיים, איך זוך אויס די גרינגסטע פסוק וואס איז דא אין די פרשה. ווייל וואס פארא פסוק איך וועל נאר פארזאגן פארן **סקאליע רבי**, וועט ער אויף אלעם טרעפן א טייטש, אבער אז עס וועט זיין א גרינגער פסוק, וועט ער קענען זאגען אזעלכע דיבורים וואס איז צוגעפאסט פאר יעדן מענטש, אז ער זאל עס קענען הערן. איך וויל זאגען א פסוק וואס יעדער איינער זאל קענען עפעס ארויסנעמען דערפון.

**איך** געדענק, אז ער האט אמאל געזאגט [אפשר איז געווען פרשת ואתחנן], אז עס שטייט אין פסוק (דברים ה-כז) אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, ואתה פה עמוד עמדי. די פשוטע פשט איז, אז נאך מתן תורה זאלן יודען אהיימגיין, שובו לכם לאהליכם, און משה רבינו זאל בלייבן ביים אייבערשטען די פערציג טאג, און ער זאל מקבל זיין די לוחות. האט ער דעמאלטס געזאגט, אז דער פשט דערפון איז, א בשר ודם קען נישט זיין אויף צוויי פלעצער. אויב ער איז דא, קען ער נישט זיין דארט. אויב מען שיקט אים ערגעץ, קען ער נישט זיין אויף דעם פלאץ ווי ער איז. אבער משה רבינו איז געווען א איש האלקים (שם לג-א), דער אייבערשטער האט אים געקענט שיקן אויף איין פלאץ, אז ער זאל אהיימגיין, און ער איז נאך אלץ געבליבן אויף דעם פלאץ וואו ער איז געשטאנען. 'לך אמור להם שובו לכם לאהליכם', גיי און זאג פאר יודען, אז זיי זאלן צוריק אהיימגיין, אבער דו מוזט נישט גיין אהין צופוס, און זיי עס זאגן, נאר 'ואתה פה עמוד עמדי', דו זאלסט בלייבן שטיין דא צוזאמען מיט מיר, און פון דעסטוועגן דאך וועסטו זיי קענען זאגען, שובו לכם לאהליכם (עיין בגליונינו פרשת נצבים תשע"ה, ובשמן ראש פורים ח"א דף תע).

*

**מען** געפונט אין די גמרא (שבת ל.) אז ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם בית המקדש, און ער האט געוואלט אריינטראגען דעם ארון אין קדשי קדשים, דבקו שערים זה בזה, האבען זיך פארמאכט די טויערן, און ער האט נישט געקענט אריינטראגען דעם ארון. און שלמה המלך האט מתפלל געווען כ"ד רננות אז ער זאל קענען אריינטראגען דעם ארון, ולא נענה, און ער איז נישט נענה געווארן. אבער נאכדעם וואס ער האט געזאגט (דבה"י ב ו-מב) זכרה לחסדי דוד עבדך, דער אייבערשטער זאל געדענקן די חסדים פון דוד, האבן זיך די שערים תיכף געעפענט, און ער האט געקענט אריינטראגען דעם ארון.

**עס** איז אמאל דא וואס עס איז דבקו שערים זה בזה. מען וויל בויען א בית המקדש, מען וויל בויען א בית ה', און עס קומט נישט אן אזוי גרינג. אבער ווען מען רופט אויס, זכרה לחסדי דוד עבדך, מען זאל געדענקען די חסדים פונעם רבי'ן זי"ע, וואס זיין נאמען איז געווען דוד, דעמאלטס עפענען זיך די שערים, דעמאלטס איז דא די מעגליכקייט אז מען זאל קענען אויפשטעלן אזא בית ה'.

**אין** מדרש (תנחומא וארא ז) שטייט אסאך טיפער פון וואס עס שטייט אין די גמרא. אז שלמה המלך איז געגאנגען, און ער האט געברענגט דעם ארון פון דוד צום בית המקדש, און ער האט געזאגט פארן אייבערשטער, זכרה לחסדי דוד עבדך, איך האב דא אהערגעברענגט דוד המלך, עפן די טויערן אז ער זאל קענען אריינגיין. און דער לשון פון מדרש איז, באותה שעה חיה דוד, דוד איז אויפגעשטאנען תחיית המתים, ער איז לעבעדיג געווארן, און אזוי איז געווארן אריינגעטראגען דער ארון אינווייניג. און דער מדרש טייטשט עס אויפן פסוק (תהלים ל-ד) מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, אז דער מזמור האט ער געמאכט דעמאלטס ווען מען האט מחנך געווען דעם בית. דוד המלך זאגט, ה' העלית מן שאול נפשי, חייתני מירדי בור. זעהט מען, אז ווען מען וויל אמאל עפענען א בית ה', קומט עס נישט אייביג אן אזוי גרינג. דער אייבערשטער האט מדבק געווען די שערים, און מען האט נישט געקענט אריינברענגען דעם ארון, ביז מען האט דערמאנט זכות אבות, זכרה לחסדי דוד עבדך, און דעמאלטס האבן זיך געעפענט די שערים, אז מען האט געקענט אריינברענגען דעם ארון ה' אינעם בית המקדש.

**מען** זעהט אסאך מאל ערליכע יודען, צדיקים, פונעם פריערדיגען דור, וואס האבן זיך אזויפיל געמוטשעט, עס איז געווען תורה מתוך הדחק, מען האט געדינט דעם אייבערשטען מתוך הדחק. דחק אין גשמיות, און אפילו דחק אין רוחניות, זיי זענען געווען מרביצי תורה, און זיי האבן געקענט אויפטון אסאך, און זיי האבן נישט געהאט די מעגליכקייט, נאך אזא מלחמה וכדומה, אויפצוטון וויפיל זיי האבען געקענט אויפטון. אבער דער אייבערשטער פארגעסט עס נישט, און דער אייבערשטער באצאלט עס שפעטער, פאר די קינדער און פאר די אייניקלעך. אז דער באשעפער גיט זיי די מעגליכקייט אז זיי קענען מרביץ תורה

זיין מיט הרחבת הדעת, סיי אין גשמיות, און סיי אין רוחניות, וואס דאס איז א שכר אויף דעם וואס די עלטערן, די עובדי ה', האבן געדינט דעם אייבערשטען מיט אזויפיל שוועריקייטן.

**שלמה** המלך האט אויפגעבויט דעם בית המקדש. אין שלמה המלך'ס צייטן, איז געווען זייער גרינג אויפצובויען א בית המקדש. אין שלמה המלך'ס צייטן איז אין כסף לא נחשב בימי שלמה למאומה (מלכים א י-כא), עס איז געווען די שענסטע צייט פון כלל ישראל, אלעס אין גוט געגאנגען. שלמה המלך האט געהאט א שיין רואיג לעבן, א מלכות אין די שענסטע צייטן פון כלל ישראל, און דעמאלטס שטעלט מען אויף א בית ה', איז עס נישט אזוי שווער.

**ביי** דוד המלך איז געווען פארקערט, דוד מלך ישראל האט כמעט נישט געהאט קיין גוטען טאג אין לעבן. אלע זיינע יארן איז ער געווען א נרדף, א נרדף פאר זיין לעבן ממש. ער האט געדארפט אנטלויפן פון שאול, ער האט געדארפט אנטלויפן פון אבשלום, ער האט געפירט מלחמות. די גמרא (ברכות נה:) זאגט אז דוד המלך האט נישט געהאט א גוטן חלום קיין איין נאכט. און עס קוקט אויס ווי דוד המלך, דער גרויסער צדיק, וואס איז פון די מרכבה. ער ווערט אויסגערעכנט נאך די אבות און משה מיט אהרן קומט דוד, עס איז אדורך הונדערטער יארן, און מען האט נישט געטראפן קיינעם וואס מען קען צושטעלן צו די אבות מיט משה און אהרן ביז דוד המלך, ער האט געהאט אזא שווער לעבן, און עס איז דא כאילו א געוויסע הסתרת פנים פון הימל אויף דוד המלך. האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן פאר דוד המלך, קוק דיין זון שלמה, ער וועט נישט קענען אויפשטעלן דעם בית המקדש, ביז ער וועט דיך נישט ברענגען אהין, אז אין דיין זכות וועט אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן, אז דער אייבערשטער באצאלט שפעטער, ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם (תהלים לז-כה), דער אייבערשטער באצאלט פאר א צדיק. אפילו מען פלאגט זיך אויף די וועלט, פון דעסטוועגן דאך די קינדער און אייניקלעך טוען ווייטער מרביץ תורה זיין, און זיי טוען מרחיב זיין די גבולי הקדושה. שלמה המלך'ס בויען דעם בית המקדש, איז נישט געווען זיין כח, נאר עס איז געווען דער כח פון דוד המלך, וואס דער אייבערשטער האט אים באצאלט אויף זיינע שוועריקייטן וואס ער איז אדורכגעגאנגען אינעם לעבן. און דער אייבערשטער האט אזוי געטון, אז מען האט נישט געקענט עפענען דעם בית המקדש, ביז מען האט אהין געברענגט דוד המלך.

**די** משנה (אבות ד-יא) זאגט, כל המקיים את התורה מעוני, סופה לקיימה מעושר. עס מוז נישט זיין בהכרח, אז דער זעלבער מענטש וואס איז מקיים די תורה מעוני, וועט אמאל צוקומען אז ער וועט מקיים זיין די תורה מעושר. נאר דער אייבערשטער וועט געבן קינדער און אייניקלעך, ברא כרעא דאבוה (עירובין ע:), א קינד איז א חלק פונעם טאטען. דער טאטע האט זיך געפלאגט מעוני, אבער די דורות שפעטער וועלן מקיים זיין די תורה מעושר.

**מען** דערמאנט זיך צוריק אויפן **סקאליע רבי** זכר צדיק לברכה, ער איז געווען א יוד וואס האט נישט באלאנגט פאר אמעריקע. אמעריקע מיט אים איז נישט געווען אפילו ענליך. ער איז געזעסן כל ימיו ביי זיך אין שטוב, ער איז כמעט קיינמאל נישט ארויסגעגאנגען מפתח ביתו, ער איז געזעסן פון צופרי ביז ביינאכט און געלערנט, געשריבן ספרים, און מרחיב געווען גבולי הקדושה. עס האט אסאך מאל אויסגעקוקט ווי עס איז המקיים את התורה מעוני, אבער ב"ה אז מען זעהט אז דער אייבערשטער האט געהאלפען, אז דער רבי זאל זיין געזונט איז אזוי שיין ממשיך ווייטער די חסידים, אזא שיינע חבריא פון יונגעלייט, עס איז סופה לקיימה מעושר. עס איז זכרה לחסדי דוד אביך, דער אייבערשטער האט געדענקט די חסדים פון דוד המלך פאר שלמה. דער אייבערשטער געדענקט די חסדים פון די וואס טוען זיך אוועקגעבן פאר תורה הק', אז ברבות הימים זעהט מען דערפון די פירות.

*

**די** וואך אין די פרשה האט משה רבינו מתפלל געווען אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל,

אעברה נא ואראה את הארץ הטובה וגו', ההר הטוב הזה והלבנון (דברים ג-כה). משה רבינו האט געגלוסט צו גוטע זאכן, אז ער וויל זוכה זיין צו קדושת הארץ. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, רב לך, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה.

**דער** ענין דערפון איז, דער בית ה' איז נישט געמאכט געווארן אז עס זאל זיין א שיינע שטוב, און מען זאל אריינקומען דאווענען, און ארויסגיין פונעם בית המדרש. אז מען זאל אריינקומען לערנען, און זיך אפלערנען זיין שיעור, און זיין אינדרויסן. א בית ה' איז געמאכט געווארן, אז א יוד זאל זיך קענען מקדש זיין, און אליין ווערן א בית המקדש פארן אייבערשטען. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), דרש'נען חז"ל בתוכו לא נאמר, אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. ועשו לי מקדש, איז נישט נאר די כונה אז מען זאל האבען א מקדש, נאר דאס בויען א בית המקדש האט א ציל, אז יעדער יוד זאל זיך פון דארט אראפלערנען, צו מאכען זיך אליין פאר א בית המקדש.

**ווי** אזוי לערנט מען זיך אראפ פון א בית המקדש צו מאכען זיך אליין פאר א מקדש. דער בית המקדש האט געהאט אין זיך פארשידענע כלים, עס האט געהאט א ארון, מיט א שלחן, מיט א מנורה, מיט א מזבח, און יעדע כלי האט געוויזען אויף א חלק פון עבודת ה'. דער ארון זאגט די גמרא (יומא עב:) אז דאס ווייזט אויף די בעלי תורה. שלחן, דאס איז שלחן מלכים, דאס ווייזט ווי אזוי א יודישע שטוב דארף אויסזעהן, ווי אזוי א יודישע טיש דארף צו זיין, עס זאל זיין לחם פנים לפני תמיד (שמות כה-ל). די מנורה ווייזט אויף נסתר וואס איז דא אין די תורה הק'. דער ארון איז תורה שבכתב, און דער מנורה דאס איז די ציצים ופרחים פון די תורה. דער מזבח ווייזט אויף מסירת נפש. יעדע כלי אין בית המקדש האט געוויזען אויף א געוויסע חלק פון עבודה.

**זאגט** די תורה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר א משכן, וכן תעשו, אזוי זאלט עטץ טון. עטץ קענטס אויך ווערן א משכן פארן אייבערשטען. א בית המדרש איז נאר א מקדש מעט, דאס איז א קליינע מקדש. אבער א יוד וואס איז זיך מקדש פארן אייבערשטען, ווערט ער א גרויסער בית המקדש, דאס איז די ריכטיגע בית המקדש.

**משה** רבינו איז געווען א סימבאל פון א מקדש ה'. אזוי שטייט אין הייליגע ספרים, ככל אשר אני מראה 'אותך', אזוי ווי איך ווייז 'דיך', וואס דו ביסט דער תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו, אזוי דארפט איר צו טון. משה רבינו איז געווען דער סימבאל ווי אזוי א יוד קען זיך אינגאנצן מקדש זיין לשם שמים. אלעס איז געווען ביי אים הייליג פארן אייבערשטען, זיין תורה, זיין עבודה, זיין רעדן, זיין עסן, אלעס איז געווען כולו קודש פארן באשעפער.

**משה** רבינו בעהט פונעם אייבערשטען, ער גלוסט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, ער וויל האבן קדושת הארץ, ער וויל זוכה זיין צו קדושת ירושלים, ער וויל זוכה זיין אריינצוגיין אין בית המקדש, און זוכה זיין צו קדושת בית המקדש. זאגט דער אייבערשטער פאר משה רבינו, דו דארפסט האבן קדושת הארץ? דו דארפסט האבן די קדושה פון ירושלים, און פון דעם בית המקדש? דו ביזט אליין א בית המקדש. ככל אשר אני מראה 'אותך' את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו. א פשוטער יוד דארף האבן די קדושה פון ארץ ישראל און די קדושה פונעם בית המקדש, אז ער זאל זיך קענען דערהייבען, אבער משה רבינו וואס האט זוכה געווען אליין צו זיין א מקדש פארן אייבערשטען, און אז ער איז א מקדש פארן אייבערשטען האט ער דאך אוודאי די קדושה פון ירושלים און די קדושה פון ארץ ישראל, האט ער דאך שוין אין זיך אלע קדושות.

**ווען** משה רבינו בעהט, אעברה נא ואראה את הארץ הטובה, ההר הטוב הזה והלבנון, אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל, ער וויל זיך מקדש זיין מיט די קדושה פון ארץ ישראל. זאגט אים דער אייבערשטער, רב לך, דאס גרויסקייט האסטו אליין, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה, דו דארפסט נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל זוכה צו

זיין צו די אלע קדושות, דו האסט שוין די אלע קדושות. - א יוד וואס איז זיך מקדש כל גופו פארן אייבערשטען, דער איז א מקדש ה' פארן אייבערשטען. און א בית המדרש איז געמאכט געווארן, אז עס זאל ארויסגעבן פון זיך אזעלכע פירות, אז מען זאל קענען אויסשטייגען צו ווערן אליין א בית המקדש. דער בית המדרש איז דער מקדש מעט, אבער די יודען וואס קומען אריין אין בית המדרש, די דארפן זיין די ריכטיגע בית המקדש, וואס זיי זאלן דינען דעם אייבערשטען.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן, אז דער רבי זאל זיין געזונט האט געקענט אויפשטעלן א פרישן בית ה', צו שטעלן נאך א בית פארן אייבערשטען, ער פירט אזא שיינע עדה, אזא שיינע חבריא אונטער זיך, וואס בויט א מקדש פארן אייבערשטען, איז אוודאי נאר דא צו מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך געזונט און כח צו קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה. איך האב באמת הנאה פונעם פלאץ דא, ווייל איך האב דא א זון, רבי יהושע זאל זיין געזונט, וואס קומט אריין לערנען דא אין דעם מקום, איז עס ביי מיר א עקסטערע שמחה אז עס איז נתרחב געווארן די גבולי הקדושה. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב. עס איז זכרה לחסדי דוד עבדך, עס איז זיכער אז זיין זכות איז מגין אויפן גאנצן מקום, וואס גיט די מעגליכקייט אז מען זאל קענען אויסשטייגען אין תורה און אין עבודת ה', זאלען מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שני פרשת עקב</u>***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **זלמן קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים דוד פאגעל** הי"ו, שהתקיים באולם רענעסאנס. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קדושין.

*

***<u>יום שלישי פרשת עקב</u>***

אחר תפלת שחרית בבית מדרשנו בוויליאמסבורג, התקיים הברית של בן הר"ר **אפרים קאהאן** הי"ו (בן הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, וחתן הר"ר **יוסף הערשקא** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**והיה** עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו' ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד (דברים ז-יב). מען זעהט ביי א ברית מילה, אז עס איז כמעט די איינציגסטע מצוה וואס אלע הכנות וואס מען מאכט צום ברית, איז מען אלץ מכבד נאך א יוד און נאך א יוד, אז ער זאל האבן א חלק דערין. עס איז נישט דא נאך א מצוה וואס עס זאל זיין א קוואטער"ר, אז איינער זאל צוברענגען דעם אתרוג מיטן לולב, און מאכען חיקה'ס דערויף, ביז מען איז מקיים די מצוה. און ביי א ברית מילה איז יא אזוי אויסגעשטעלט, אז עס איז דא א קוואטער, און דער קוואטער האט די הלכה, אז ער איז א חלק פון די בעלי שמחה (עיין **מגן אברהם** סימן תקנ"א סק"ג **ובמחצית השקל** שם). און מען האט צוגעגעבן נאכדעם א חיקה, אז מען זאל האבן א חלק אין צופירן דאס קינד. יעדע חיקה איז נישט אז מען גיט איבער דאס קינד פון איינעם צום אנדערן, חיקה איז אמאל געווען אז מען האט אריינגעברענגט דאס קינד ביז די אנהייב פונעם שול, און יעדען איינעם האט מען מכבד געווען, אז ער זאל צוברענגען דאס קינד נאך אביסל נאנטער צום כסא של אליהו. דאס הייסט אז ער זאל האבן א חלק אינעם קוואטערשאפט. וואס איז דער ענין אז פונקט ביי א ברית מילה, האט מען זיך אזוי געפירט.

**איך** האב היינט געזען אין **חתם סופר** (שו"ת או"ח קנח-קנט), דער **חתם סופר** רעדט אקעגן די הלכה אז עס שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד רסה-יא) אז מען זאל נישט מכבד זיין א סנדק צוויי מאל, ביי די זעלבע עלטערן, ווייל א סנדקאות ברענגט עשירות אזוי ווי קטורת. קטורת האט געברענגט עשירות, אזוי שטייט אין פסוק (דברים לג-י) ישימו קטורה באפך וגו' ברך ה' חילו, די וואס טוען לייגען קטורת, ווערט דער אייבערשטער בענטשען זייער פארמעגן. און ביי קטורת שטייט אין די משנה (יומא כו.) חדשים

לקטורת בואו והפיסו, מען האט נישט געגומען דעם זעלבן כהן צו מאכן די עבודה פונעם קטורת. אלץ ווען עס איז געקומען צו די קטורת האט מען געגומען נאר נייע כהנים, ווייל ביי קטורת איז דא א ברכה פון עשירות, און מען האט געוואלט געבן פאר יעדן יוד א חלק אין די עשירות (ועיין עוד **בנודע ביהודא** יו"ד סימן פ"ו).

**דער חתם סופר** רעדט דארט, צו די ברכה פון עשירות געהערט פארן מוהל צו פארן סנדק. אין שלחן ערוך שטייט נאר אויפן סנדק, אבער א מוהל קען מען נעמען פאר צוויי קינדער דעם זעלבן מוהל. דער **חתם סופר** זאגט דארט, אז ווער עס האט א חלק אינעם ברית מילה, די אלע זענען נכלל אינעם ברכה פון ברך ה' חילו. און דער שואל פרעגט אים, צו די וואס האבן צוגעהאלפן צו מאכן די קטורת, די בית אבטינס וואס האבן צוזאמגעשטעלט די קטורת, צו זיי זענען אויך געווארן עשירים ווייל קטורת איז מעשרת. קודם זאגט דער **חתם סופר**, ווער זאגט אז נישט. אויב זיי האבן עס געטון אומזיסט, אן שכר, קען זיין אז זיי האבן אויך געהאט די ברכה, אז זיי וועלן נתעשר ווערן. ווייל מען געפונט (מכות ה:) אז הנטפל לעושי מצוה הרי הוא כעושה מצוה, ביי יעדע מצוה האט דער נטפל דעם דין אזוי ווי דער עושה המצוה. איז מעגליך אז אזוי ווי די אלע וואס זענען געווען נטפל צו די קטורת זענען נתעשר געווארן, אזוי זענען די אלע וואס זענען נטפל מקיים צו זיין די מצוה פון ברית מילה, אויך אין די ברכה פונעם עשירות.

**על** כל פנים הייבט מען שוין אן צו פארשטיין, אז אזוי ווי מילה איז מעשרת, ווייל עס איז אזוי ווי קטורת, האט מען געוואלט געבן פאר יעדן איינעם א חלק אינעם קטורת. אנגעהויבן ביים קוואטער, אז ער זאל זיין א עושר, און נאכדעם די אלע חיקה'ס, די אלע וואס האבן געהאט א שייכות דערין, אלע זענען א נטפל אין די מצוה, און אין די ברכה פון עשירות.

**דער חתם סופר** דינגט זיך נאכדעם שפעטער דערמיט, אז קען זיין פון די הלכה פון נטפל לעושה מצוה איז נישט קיין הכרח, ווייל נטפל לעושה מצוה איז נאר בשעת עשיית המצוה. דער סנדק, דער מוהל, די אלע וואס האבן א חלק אין די מצוה אליין, די זענען כעושה מצוה, אבער די וואס זענען נטפל פון פריער אדער שפעטער, קען זיין אז זיי האבן נישט די הלכה כעושה מצוה ממש. ווייל די הלכה פון נטפל לעושה מצוה, לערנט מען ארויס פון עדים זוממין (מכות שם), ביי עדים זוממין געפונט מען אז אפילו עס איז געווען דריי עדים, וואס כאטש דער דריטער האט גארנישט אויפגעטון מיט זיין עדות, אבער וויבאלד ער איז געווען א נטפל לעושה עבירה איז ער נידון כעושה עבירה. לערנט מען אראפ פון דארט, אז די זעלבע זאך איז א נטפל לעושה מצוה כעושה מצוה. און דארט איז ער א נטפל בשעת מעשה, ער זאגט עדות צוזאמען מיט יענעם. אבער על כל פנים מילה איז מעשרת, די סגולה פון סנדקאות איז מעשרת, און דער **חתם סופר** וויל זאגן א מהלך, אז אפילו די אלע וואס האבן נאר געהאט א שייכות צוצוגרייטן די מצוה, ווערן אויך נכלל אין כלל פון די ברכה.

**עס** שטייט אין **ביאור הגר"א** (יו"ד סימן רסה אות מד) אז מען זעהט נישט אייביג אז עס זאל מקוים ווערן אז מען זאל ווערן עשירים. איך האב געזעהן שטיין פון **רבי חיים קנייבסקי** זאל זיין געזונט, אז מען האט אים אמאל געפרעגט, אויף דעם וואס דער **ביאור הגר"א** זאגט, אז מען זעהט נישט אז מען ווערט עשירים. האט ער געזאגט, אז דעם רמ"א'ס טשע"ק, איז אויך א גוטער טשע"ק. אז דער רמ"א האט אונטערגעשריבן אז עס איז א סגולה צו עשירות, קען מען זיך פארלאזן אויף דעם. - אבער פון דעסטוועגן דאך, אסאך מאל זעהט מען אז עס איז נישט אזוי (עיין בגליונינו פרשת שמיני תשע"ו).

**דער** ביאור דערפון איז, אז לעולם ווען מען טוט א מצוה וואס איז מסוגל אויף עשירות, ברענגט עס עשירות. אבער עשירות מיינט נישט אייביג אז ער באקומט עס אין קע"ש געלט. עשירות איז דער טייטש, אז טאמער א מענטש האט געדארפט האבן א שאדן פון געלט, און ער האט עס נישט שאדן געהאט, איז דאס אויך א ענין פון עשירות. למשל, קטורת ברענגט עשירות פון טויזנט דאלער. אמאל איז דא וואס א מענטש האט געטון א עוולה, און עס איז דא א חשבון פון הימל, אז ער דארף האבן א שאדן פון טויזנט דאלער, טוט דער

אייבערשטער צונעמען די עשירות וואס ער האט אים געדארפט געבן, און ער טוט אים מציל זיין פון א אנדערע שאדן, וואס ער האט געדארפט האבן.

**קומט** אויס, אז אמאל זינדיגט א מענטש, ער טוט א חטא, וואס פאר דעם קומט זיך אים א עונש, איז דער עשירות וואס ער דארף דא האבן, דאס טוט מכפר זיין אויף דעם עונש פון זיין חטא, און ער איז נישט זוכה צו עשירות. אבער 'והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה', ווען א יוד וועט יא אפהיטן אלע משפטים, דעמאלטס וועט נישט אויסקומען אז ער דארף האבן עפעס א עונש פאר א חטא וואס ער האט געזינדיגט, אז מען זאל דארפן אראפרעכענען פון זיין עשירות, איז דעמאלטס 'ושמר ה' אלקיך לך את הברית', וועט דער אייבערשטער אפהיטן דעם ענין פון א ברית וואס ברענגט עשירות, ואהבך וברכך והרבך, עס וועט אריינקומען די ברכה אליין. ווען מען דארף עס אראפרעכענען פאר עפעס אנדערש, קומט עס נישט אן בפועל, אבער והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, ווען מען היט אפ אלע מצות פון די תורה, דעמאלטס איז ושמר ה' אלקיך לך את הברית.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יהודא הערש לאנדא** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** במחנינו עדת יראים בפארקסוויל. ילדי המחנה קיבלו את פני **רבינו שליט"א** בשירה ובזמרה, ונכנסו לבית המדרש למסיבת קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, קידם את **רבינו שליט"א** בברכה, וכיבד את הרב **יוסף דוד אונגער** שליט"א (סגן מנהל) לישא מדברותיו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה און א תענוג, אטייל צונעמען היינט דא צוזאמען מיט די חשובע קינדער. איך האב א גרויס הנאה געהאט, און איך בין ארויס פון התפעלות פון וואס איך האב געהערט פריער פונעם מנהל און פונעם סגן מנהל, וואס עס האט זיך אפגעטון דא אינעם קעמפ במשך פונעם זומער. מען האט געלערנט פלייסיג, שיין געדאוונט, און די שיינע שבתים וואס מען האט געהאט אינאיינעם.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה (דברים ז-יב), און די תורה זאגט די אלע ברכות וואס דער אייבערשטער וועט געבן, אויב די יודען וועלן אפהיטן די תורה. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון 'עקב', עס איז געווען עס שטייט, והיה אם תשמעון את המשפטים האלה, אז מען וועט צוהערן די מצות פונעם אייבערשטען, ושמר ה' אלקיך לך את הברית און אזוי ווייטער, פארוואס שטייט דער לשון 'עקב'.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (לד-יב), לכו בנים שמעו לי, יראת ה' אלמדכם. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז ער וואלט געדארפט צו זאגן 'בואו' בנים, קומטס קינדער, און הערטס צו וואס איך זאג ענק, און איך וועל ענק לערנען די ווערטער פונעם אייבערשטען. דוד המלך זאגט, 'לכו' בנים, גייטס קינדער, שמעו לי, הערטס מיך צו. אז מען גייט, איז טייטש אז מען גייט אוועק, קומט מען דאך נישט הערן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער תכלית פון הערן דברי תורה, איז נישט נוגע נאר אויפן מאמענט יעצט, בשעת מען הערט עס. דער תכלית איז אויך, מיטצונעמען מיט זיך די ווערטער וואס מען האט געהערט, אויפן גאנצן יאר שפעטער, און אויפן גאנצן לעבן שפעטער. **ווען מען קומט אין קעמפ, עס איז זייער שיין די צוויי חדשים וואס מען איז דא צוזאמען, אבער דאס איז נישט דער גאנצער ציל, אז די צוויי חדשים זאל מען האבן שיינע ערליכע חדשים, נאר די צוויי חדשים דארפן איבערלאזן א רושם אויף די קינדער אויף א גאנץ יאר שפעטער.** דאס איז נאר געווען א סעמפ"ל, זיך אפצולערנען, ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן.

**ווען** מען קומט אהיים, עס איז דא די וואכענדיגע טעג, און עס קומט נאכדעם די שבתים, און די ימים טובים, מען דארף מיטנעמען מיט זיך וואס מען האט געהאט דא אינעם קעמפ. **ווען מען קומט דאווענען אין בית המדרש, דארף מען אויפשטיין**

**באצייטענס, אויפשטיין צופרי פארן דאווענען, און לערנען פארן דאווענען, אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין קעמפ. זיין פונקטליך צום דאווענען. און ביים דאווענען שטיין אויף איין פלאץ, פון אדון עולם ביז אדון עולם. און דאווענען מלה במלה, אזוי ווי מען האט זיך געפירט דא.** דאס איז דער תכלית, אז מען זאל זיך אויסלערנען ווי אזוי צו דאווענען, זיך אויסצולערנען ווי אזוי נישט אנצוברענגען די צייט, יעדע פרייע מינוט זאל מען מקדיש זיין פאר תורה.

**ועל** כולם, **די ערליכע שבתים וואס מען האט געהאט דא אין קעמפ, דאס איז נישט נאר דער שבת יעצט, פאר זיך אליין, נאר אזוי דארף א יונגעל זיך אויפפירן ווען מען קומט אהיים, און מען זיצט אין שטוב צוזאמען מיט די משפחה, טאטע און מאמע, ברודער'ס און שוועסטער'ס, דארף דער שבת זיין מיט אזא ווארעמקייט, אזוי ווי עס איז געווען דא אין קעמפ. ווען עס קומט צו זינגען זמירות, זאל מען נישט לאזן דעם טאטע זינגען אליין, נאר מען דארף מיט זינגען. און אפילו ווען דער טאטע האט שוין געענדיגט זיינע זמירות, דארף מען אליין ממשיך זיין מיט די זמירות. זיך אנגרייטען א דבר תורה וואס צו זאגען. דער שבת זאל זיין מיט א ווארימקייט, אזוי ווי עס איז געווען דא אין קעמפ.**

**זאגט** דוד המלך, 'לכו בנים', ווען עטץ גייטס אוועק קינדער, דעמאלטס 'שמעו לי', זאלט עטץ געדענקען און צוהערן, 'יראת ה' אלמדכם', צו די יראת ה' וואס מען האט ענק געלערנט. די תכלית איז נישט אויפן מאמענט, קדושה ראשונה קדשה לשעתה וקדשה לעתיד לבא (מגילה י.), די קדושה איז נאר א קדושה, ווען עס ווערט נתקדש אויך אויף שפעטער, אז ווען מען קומט אהיים, זאל מען געדענקען יעדן טאג, און יעדן שבת, ווי שיין עס איז געווען אין קעמפ, און ווי אזוי מען האט זיך אויפגעפירט, און עס ממשיך זיין אויפן זעלבן וועג אין שטוב אויך.

*

**משה** רבינו זאגט די וואך פאר יודען, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, נישט קיין סאך, כי אם ליראה את ה' אלקיך וגו', נאר מורא צו האבן פונעם אייבערשטען, ולאהבה אותו (דברים י-יב), און ליב האבן דעם אייבערשטען. און די גמרא (ברכות לג:) פרעגט אויף דעם, אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא, יראה איז עפעס א קלייניגקייט, אז דער אייבערשטער בעהט נישט מער פון ליראה את ה', מורא צו האבן פונעם אייבערשטען. זאגט די גמרא, אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא, ביי משה רבינו איז עס געווען א קלייניגקייט.

**שטייט** אין הייליגע ספרים אז דער פשט דערפון איז, יראת ה' איז א גרויסע מדרגה, נישט יעדער איינער איז זוכה צוצוקומען דערצו, צו קענען האבן אמת'דיגע יראת שמים. עס ווענט זיך אבער מיט וואס פאר א חברותא מען איז ארומגענומען. **אויב מען איז ארומגענומען מיט גוטע חברים, מען איז ארומגענומען מיט גוטע מלמדים, מיט גוטע משפיעים, מען דרייט זיך ביי צדיקים און ערליכע יודען, דעמאלטס איז גרינג צוצוקומען צו יראת שמים. אבער אויב מען האט ח"ו א שלעכטע חברותא, און מען דארף נישט האבן א גאנצע חברותא, 'איין' שלעכטער חבר וואס מען האט, קען אים אראפפירן פונעם ריכטיגען וועג. אז מען וויל זיך פירן ערליך, דארף מען זיך דרייען שטענדיג נאר מיט גוטע חברים. א חבר וואס מען זעהט אויף אים, אז ער האט א קאלטקייט צו יודישקייט, אז ער האט א קאלטקייט צו תורה און יראת שמים, זאל מען זיך אפשאקלען פון אים, ער דארף נישט זיין מיין חברותא.** אייביג דארף מען זיך אויסקלויבן א חבר וואס איז בעסער פון אים. וואס איז העכער פון אים, דעמאלטס וועט ער שטייגען.

**משה** רבינו בעהט אז מען זאל ליב האבן דעם אייבערשטען, און מען זאל מורא האבן פונעם אייבערשטען, זאגט משה רבינו, מה ה' אלקיך שואל מעמך, דער אייבערשטער בעהט נישט פון דיר א גרויסע זאך, עס איז גרינג צוצוקומען צו יראת ה'. לגבי משה, ווען מען דרייט זיך נעבן משה רבינו, איז יראה מילתא זוטרתא היא. אפילו אונז האב מיר נישט היינט א משה רבינו, אבער יעדע גוטע חברותא, נעבן יעדן ערליכען יוד וואס מען דרייט זיך, ברענגט עס צו, צו יראת שמים. א גוטער חבר דערהייבט דעם חברותא, און ח"ו א שוואכער חבר

שלעפט אים אראפ. און דאס איז אונזער עבודה אויסצוקלויבן שטענדיג נאר א גוטע חברותא, זיך חבר'ן מיט ערליכע בחורים און ערליכע יונגלעך, און צווישן א סביבה פון ערליכע יודען.

*

**עס** איז געווען א גרויס התעוררות ביי די קינדער און ביי די בחורים, אז מען זאל לערנען מסכת אבות. ר' יהושע גוטמאן איז דא געווען, און ער האט גערעדט דערפון, און ער האט ארויסגעברענגט די חשיבות פון מסכת אבות, און ער האט צוגעזאגט א מתן שכרה בצדה. אבער דער שכרה איז נישט אין דער זייט, נאר בעצם לערנען מוסר פון פרקי אבות, איז א געוואלדיגער תועלת פאר יעדן, אז ער זאל געדענקען די ווערטער. ווייל יעדעס ווארט וואס איז דא אין פרקי אבות, איז א וועג ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן. אונז האב מיר נישט א מוסר ספר אין דברי חז"ל, נאר מסכת אבות, וואס איז צוזאמגענומען און געשטעלט נאר אויף מוסר. ווי אזוי די עבודה פון א יוד דארף צו זיין. - און דאס איז דער תכלית ווען מען גייט אוועק פונעם קעמפ, אז מען זאל צוזאמנעמען אלעס וואס מען האט זיך דא אפגעלערנט, און מיט נעמען צו זיך אהיים.

**'עקב'** איז דער טייטש, צום סוף. 'תשמעון', איז א לשון פון צוזאמנעמען, עס שטייט אין פסוק (שמואל א טו-ד) וַיְשַׁמַּע שאול את העם, שמואל האט צוזאמגענומען אלע יודען צו א מלחמה, שטייט די לשון וישמע. 'והיה עקב', ווען עס קומט צום סוף, ווען מען ענדיגט דעם זומער און מען גייט אהיים, 'תשמעון את המשפטים האלה', נעמטס ענק צוזאמען די אלע גוטע זאכן וואס מען האט געהאט אינעם קעמפ, און דאס זאל מען מיטנעמען מיט זיך אויף ווייטער, זיך צו פירן אויף דעם וועג, און דעמאלטס וועט דער אייבערשטער געבן די אלע ברכות וואס איז אויסגערעכנט אין די תורה.

*

**בעיקר** קומט זיך א הכרת הטוב פאר די חשובע מלמדים, וואס זיי האבן דערהויבן די קינדער אינעם זומער אין אזא שיינע מדרגה. ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג), דרשנ'ט די גמרא (בבא בתרא ח:) אז עס גייט ארויף אויף די וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער. די זענען 'מצדיקי הרבים', זיי מאכן ערליך די רבים, און זיי וועלן שיינען 'ככוכבים', אזוי ווי שטערנס, 'לעולם ועד', אויף שטענדיג.

**א** שטיקעלע רמז איז דא דערין, בייטאג זעהט מען נישט די שטערנס ווען זיי לייכטן, נאר ביינאכט ווען עס ווערט פינסטער, דעמאלטס הייבן זיי אן צו לייכטן. און ווי מער פינסטער עס ווערט, לייכטן זיי מער. **אמאל פלאגט מען זיך מיט קינדער, מען וויל זיי ארויפברענגען אויף א מדרגה, און עס קוקט אמאל אויס ווי מען האט גארנישט אויפגעטון, מען האט נאר אויפגעטון אביסל, מען האט געקענט אויפטון אסאך מער, מען האט נישט אזוי געהעריג מקבל געווען. אבער עס איז נישט ריכטיג, יעדע זאך וואס מען לערנט מיט א קינד, יעדע זאך וואס מען איז מעורר, אפילו מען זעהט נישט אז עס לייכט יעצט אויפן מאמענט, אבער ווען עס וועט ווערן טונקעל, הייבט אן צו לייכטן די תורה און די יראת ה' וואס מען האט אריינגעלייגט אין די קינדער.** מען איז מחזק די מצדיקי הרבים, וואס געבן אוועק זייער לעבן פאר תינוקות של בית רבן, אז זיי זאלן וויסען, אז זייער ארבעט איז 'ככוכבים לעולם ועד'. ווען אלעס גייט גוט, זעהט מען נישט אז די שטערנס לייכטן, אבער ווען עס ווערט פינסטער הייבן זיי אן ארויסצושיינען. די זעלבע זאך וואס האט נישט געשיינט פריער, הייבט אן צו שיינען, און עס ווערט ליכטיג אזוי ווי די כוכבים. יעדע ווארט וואס מען האט אריינגעלייגט אין די קינדער, איז א זאך וואס בלייבט אויף אייביג. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער מרביץ תורה זיין מתוך הרחבת הדעת.

**עקסטער** וויל איך ארויסברענגען א אמת'דיגע הכרת הטוב, פאר רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט, מיט זיין גאנצע סטע"ף אונטער זיך, אויף די צייט וואס ער לייגט אריין, און די געטריישאפט וואס ער גיט פאר דעם מוסד, סיי אינעם זומער, און סיי א גאנץ יאר. סיי אין יונגעל קעמפ, און סיי אין מיידל קעמפ, און סיי אין די מתיבתא קעמפ פאר די בחורים, די ישיבה קטנה און די ישיבה גדולה, איבעראל איז אלעס אויף זיינע פלייצעס, מיט אזא

איבערגעגעבענקייט פרובירט ער ארויפצובריינגען די מוסדות אויפן ריכטיגען וועג. זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל זעהן שמחות און נחת ביי זיינע קינדער.

**מען** רישט זיך שוין צו די הייליגע טעג, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה. און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה עבר **רבינו שליט"א** לבית המדרש של כיתה ט', והתפלל עמהם תפלת מנחה. אחר מנחה השמיע **רבינו שליט"א** לפניהם דברי חיזוק והדרכה.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**קודם** וויל איך איבערגעבן פאר די בחורים, אז איך באקום זייער שיינע גריסן במשך דעם זומער, פון די כתה ט'. ווי שיין מען לערנט און מען דאווענט, דאס אידילקייט וואס איז דא ביי די בחורים. איך געדענק נישט א יאר וואס איך זאל באקומען אזעלכע שיינע גריסן פון די כתה ט', ווי איך האב באקומען דאס יאר. און איך פארשטיי אז דאס איז די עבודה פון די אלע וואס טוען אין די עבודת הקודש וואס זיי לייגען אריין אין די בחורים. יעצט ביים דאווענען אליין, ווי שיין מען האט געדאווענט, הויך און מסודר, עס איז באמת געווען א קידוש ה'.

**איך** וויל איבערזאגען א חלק פון וואס מען האט גערעדט פריער. פריער האט מען גערעדט מער צו קינדער, איך וויל עס יעצט אריבערברענגען צו די בחורים, אז וואס מען האט גערעדט פריער איז אלעס נוגע פאר ענק אויך. **מען גייט אהיים נאך אזא שיינעם זומער, פארוואס זעהט מען בחורים, אז ווען ער איז אין ישיבה, קען ער דאווענען נארמאל, ער קומט אריין אנהייב פונעם דאווענען, און ער שטייט אויף איין פלאץ, ער דרייט זיך נישט ארום. ער דאווענט הויך, מיט עבודת הלב, וואס דאס איז תפלה. אבער אסאך מאל זעהט מען, ווען ער קומט אריין אין די שטאט, און כל שכן ווען מען רעדט פון א בין הזמנים, אז ער איז נישט מסודר. ער קומט נישט באצייטנס צום דאווענען, ער קען אמאל פארשלאפען א זמן קריאת שמע ח"ו. און ווען ער קומט שוין יא דאווענען, שטייט ער נישט אויף איין פלאץ, ער דרייט זיך דא, און ער דרייט זיך דארט. פארוואס זאל מען נישט קענען מיטנעמען מיט זיך, די שיינע תפלות וואס מען האט געדאווענט די צוויי חדשים דא צוזאמען, פארוואס זאל מען עס נישט מיטנעמען אין די שטאט אריין, ווייטער ממשיך צו זיין דאס דאווענען אויפן זעלבן וועג.**

**די** שבתים. פארוואס דארף נישט אויסקוקן א שבת ביי יעדן איינעם אין שטוב, אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט אינעם קעמפ. **אזוי ווי דער שבת האט אויסגעקוקט אינעם קעמפ, אזוי דארף אויסקוקן א שבת אין שטאט. א שבת דארף זיין מיט שירות ותשבחות, זינגען זמירות, זאגען דברי תורה. עס איז טאקע נישט דא דער גאנצער עולם וואס העלפט צו, אבער יעדער בחור ביי זיך אינדערהיים דארף זיין דער סעמפפ"ל פאר די שטוב, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.** דאס איז דער עיקר וואס מען דארף זיך אהיים נעמען פונעם קעמפ. 'והיה עקב', ווען עס קומט דער סוף, 'תשמעון את המשפטים האלה', דארף מען צוזאמנעמען אלעס וואס מען האט געלערנט, און מיטנעמען צו זיך אין שטוב אריין.

*

**איך** האב געוואלט רעדן א זאך וואס איז נוגע פאר די בחורים. אלע גייט עטץ יעצט אריין אין ישיבות צו לערנען, עס איז א טויש, עטץ זענטס שוין טאקע אלע בר מצוה, עטץ זענטס שוין יעצט אויך מחויב במצות, אבער עס איז דאך א שינוי, פון א יונגעלע אין חדר, צו א בחור וואס גייט אריין אין ישיבה.

**ווילאנג** מען איז נאך געווען אין א תלמוד תורה, איז דא צייטן וואס מען לערנט, און עס איז דא צייטן וואס מען שפילט זיך, און צייטן וואס עס איז נישט אזוי אנגעצויגן פאר לערנען. **די שענסטע יארן פאר א בחור איז, ווען מען גייט אריין אין ישיבה. די פאר יאר וואס מען איז אין ישיבה, דאס איז די שענסטע זמנים פונעם לעבן וואס א בחור האט.** איך זאג נישט אז עס איז שיין, ווייל מען דארף זיך נישט פלאגן דערויף, ניין, עס קומט אן ביטער שווער, ביז מען הייבט אן צו פארשטיין לערנען, און מען קומט

אריין אין טיפקייט פונעם לערנען. די תורה קומט נישט צופוס, נאר ווען מען פלאגט זיך אויף תורה, איז מען זוכה צו כתרה של תורה. אבער דאס איז די שיינקייט פון תורה, פלאגן זיך אויף תורה, אויסצוואקסען א תלמיד חכם.

**צו** א בחור וואקסט אויס א תלמיד חכם צו נישט, ווענט זיך ווי אזוי ער האט אנגעהויבן די ישיבה, און ווי אזוי ער האט געענדיגט די ישיבה. אז מען לערנט אין ישיבה ווי עס דארף צו זיין, שטייגט מען, און מען וואקסט אויס א תלמיד חכם. אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא, די גאנצע גליקליכקייט פונעם מענטש, מען רעדט נישט פון עולם הבא, אשריך 'בעולם הזה'. מען קוקט צו ווי אזוי עס קוקט אויס א עם הארץ וואס האט נישט געלערנט, און קוקס אן ווי שיין א תלמיד חכם קוקט אויס אין בית המדרש, עס איז אינו דומה.

**און** יעדער איינער פאר זיך, דארף אויסקלויבן דעם ריכטיגען וועג. **איך גיי אריין אין ישיבה מיט א ערנסטקייט, עס איז נישט דא קיין שפילעריי, עס איז נישט דא קיין 'קול מבשר', עס איז נישט דא קיין אנדערע זאכן וואס מען גיט אוועק צייט דערויף, נאר איך גיי מיך אוועקגעבן פאר תורה. איך וויל קענען די מסכת וואס מען לערנט, מתחלתו ועד סופו, אז סוף זמן זאל איך קענען יעדע שטיקעלע גמרא, און יעדע תוספות וואס מען האט געלערנט, דאס איז די עבודה. און ווי אזוי מען הייבט אן, דאס איז דער וועג ווי אזוי עס וועט זיך ציען שפעטער. אז מען קומט אריין אין ישיבה מיט א לינקע פוס, קען מען אסאך מאל בלייבען אזוי. אז מען האט זיך פארפאטשקעט די ערשטע זמן, קען עס אסאך מאל האבן תוצאות אויף שפעטער. אבער אז מען איז מצליח דעם ערשטען זמן, און מען זעהט אז מען האט געלערנט, און מען קען, גיט עס די כוחות אויף ווייטער אויך, אז מען זאל קענען ממשיך זיין אויף דעם וועג.**

**איך** זאג אלץ נאך א מעשה, ווייל עס איז א ציל פאר א בחור. מען זאגט נאך אויפן טעלזער ראש ישיבה, **רבי מרדכי גיפטער זצ"ל**, אז ווען ער איז געווען א בחור אין ישיבה, האט ער זייער פלייסיג געלערנט. און ער האט געהאט א שאיפה, אז ער וויל אויסוואקסען א גדול בתורה, און ער איז טאקע אויסגעוואקסען א גדול בתורה. מען האט געזאגט אויף אים, אז ביי זיך אין שטוב, האט ער געהאט אויף די וואנט פיקטשער'ס פון גדולי ישראל. און אינמיטן איז געווען איין פרעי"ם, א ליידיגע פרעי"ם, וואס האט נישט געהאט א פיקטשע"ר. האט מען אים געפרעגט, וואס איז דער ליידיגער פרעי"ם וואס איז דא ביי דיר אין שטוב. האט ער געזאגט, איך טראכט שטענדיג, אז מיין פיקטשע"ר זאל אויך זיין דארט. איך זאל אויסוואקסען אזוי גרויס, אז מיין בילד זאל מען אויך קענען לייגען צוזאמען צווישן די גרויסע לייט. דאס איז די שאיפה פון א בחור. א בחור דארף שטרעבן אויף דעם, איך גיי אריין לערנען אין ישיבה, איך וויל צוקומען דערצו, אז מיין בילד זאל אויך קענען זיין דארט ווען מען וועט אויסשטעלן די גדולי ישראל.

**אז מען גייט אריין מיט אזא שאיפה, אז מען וויל אזוי אויסשטייגען, איז מעגליך אז מען וועט צוקומען דערצו. אבער טאמער עס פעלט די שאיפה, איך דארף נישט אויסוואקסען א גדול, מיר איז גוט אויסצוואקסען א פשוטער תלמיד חכם, א גוטער בעל הבית, אז מען גייט גראד אריין אזוי, וועט ער קיינמאל נישט צוקומען צו כתרה של תורה. די שטרעבן פון א בחור דארף צו זיין, אויסצוואקסען א גדול בישראל, איך וויל קענען כל התורה כולה. און אז מען גייט אריין לערנען מיט אזא געפיל, העלפט דער אייבערשטער אז מען איז מצליח, און מען שטייגט אין תורה.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצן די צייט שטענדיג פאר תורה, עס קומט א בין הזמנים, זאל דער בין הזמנים נישט גיין ליידיג. בין הזמנים דארף זיין אזוי ווי א גאנץ יאר. און כל שכן די צייט וואס מען איז אין ישיבה, זעהן צו וואקסען און צו שטייגען אין תורה און יראת שמים, דעמאלטס וועט מען זיין גליקליך אויף די וועלט, און אויף יענע וועלט. זאלן מיר אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת עקב***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** להיכל החדש של הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו הק' במאנסי, והשתתף אצל הסיום מסכת בבא קמא שנלמדו במשך השנה על ידי תלמידי הישיבה. אחר שנשמעו דברים על ידי הר"י **הרה"ג רבי יואל גרובער שליט"א** והרמי"ם שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** קען זיך נישט צוריקהאלטן פון ארויסברענגען מיינע געפילן פאר די חשובע בחורים, אז נאך א שווערע עבודה פון א גאנץ יאר, האבן זיי ב"ה מסיים געווען די מסכת. עס איז עבידנא יומא טבא לרבנן, עס איז באמת א יום טוב. עטץ זענטס נאך יונג, עטץ ווייסט נאכנישט אפצושאצן אפילו דעם יום טוב, וואס עטץ האטס זוכה געווען. עס איז אדורכגעגאנגען א יאר, מיט אזויפיל יגיעת התורה, עס איז נישט אנגעקומען גרינג, און ב"ה אז סוף פונעם יאר קען מען זיך שטעלן צו פארהערן די מסכת וואס מען האט געלערנט, דארף מען אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען.

**מען** האט פריער געהערט די חשיבות פון די ישיבה, ווי אזוי די בחורים זענען געשטיגען אין משך פונעם יאר. המפורסמות אין צריכין ראיה, מען קוק אן די בחורים, די פנימ'ער וואס לייכטן פון תורה. דער ראש ישיבה האט פריער גערעדט פון די אלע וואס האבן צוגעהאלפן דערצו מיט מסירת נפש, אבער ער האט נישט גערעדט פון זיין אייגענעם מסירת נפש, וואס טאג און נאכט איז זיין קאפ אין די ישיבה, ער טראכט יעדע מינוט פונעם טאג וואס ער קען צוגעבן פאר די בחורים, ווי אזוי ער זאל קענען דערהייבן די בחורים. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך אסאך כח און סייעתא דשמיא, ער זאל קענען ממשיך זיין די עבודת הקודש.

*

**די** תורה הק' זאגט די וואך, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, נישט קיין סאך, כי אם ליראה את ה' אלקיך, מורא צו האבן פונעם אייבערשטען, ללכת בכל דרכיו, צו גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען, ולאהבה אותו (דברים י-יב), און אים ליב צו האבן, און אזוי ווייטער. און די גמרא (ברכות לג:) שטעלט זיך שוין דערויף, אטו יראת שמים מילתא זוטרתא היא, יראה איז א קלייניגקייט? מיר ווייסען וויפיל מען דארף זיך פלאגן אויף אביסל יראת ה', ביטער שווער דארף מען ארבעטן צו האבן יראת שמים, און כל שכן לאהבה אותו, ליב צו האבן דעם אייבערשטען דארף מען נאך מער ארבעטן דערויף. און די תורה זאגט דא, אז דער אייבערשטער בעהט נישט קיין סאך, כי אם ליראה את ה'. זאגט די גמרא, אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא, ביי משה רבינו איז עס געווען א קלייניגקייט. וואס עס שטייט אין פסוק, איז ביי אים געווען א קליינע מדה, און וועגן דעם האט ער געזאגט אויף זיין מדריגה, אז יראת ה' איז א קלייניגקייט.

**פרעגט** די וועלט, פאר משה רבינו איז עס טאקע געווען א קלייניגקייט, אבער ער האט דאך געוואוסט ווי אזוי די וועלט זעהט אויס, פארוואס האט ער געזאגט פאר יודען, מה ה' אלקיך שואל מעמך, אז ער בעהט א קלייניגקייט. שטייט אין די מפרשים, אז דער פשט דערפון איז, צו יראת ה' איז זייער שווער צוצוקומען, עס קומט נישט אן גרינג. עס איז אבער דא וועגן, וואס מאכן אז עס זאל גרינג אנקומען. **א מענטש קען טרעפן פארשידענע וועגן אינעם לעבן, וואס וועט אים צוברענגען דערצו, אז דאס יראת ה' און דער אהבת ה', וועט ביי אים בלייבן. עס ווענט זיך אין וואס פארא סביבה ער געפונט זיך. א בעל הבית וואס דארף ארויסגיין פאר פרנסה, און ווען עס קומט ביינאכט, און ער דארף אריינגיין אין א בית המדרש לערנען, ווענט זיך ווער זענען זיינע חברים, ווער איז זיין סביבה. ווען עס קומט א שבת, א טאג וואס ער איז פריי פון די ארבעט, ווי דרייט ער זיך, ווער זענען זיינע חברים, ווער איז זיין רב, פון וועם איז ער מקבל, ביי וועם הערט ער מוסר.**

**א בחור אין ישיבה, ווענט זיך ווער זיין חברותא איז, איז ער ארומגענומען מיט א גוטע חברותא, מיט פיינע חברים, ער איז ארומגענומען מיט געטרייע מגידי שיעורים און אזוי ווייטער, איז גרינג צו שטייגען. שווער איז אבער, ווען א מענטש האט**

**נישט ארום זיך קיינעם וואס זאל אים מיטהעלפען, ער דארף זיך אליין פלאגען, דעמאלטס איז שווער אז מען זאל צוקומען צו א מדרגה.** ווען דער אייבערשטער העלפט אבער, אז א מענטש איז ארומגענומען מיט אזעלכע וואס טוען אים צוהעלפען אין עבודת ה', קען ער גרינג אנקומען.

**ווען** יודען זענען געווען אין מדבר, און מען האט געהאט אזא רבי'ן ווי משה רבינו. ווען יודען זענען געווען צוזאמען מיט משה רבינו די גאנצע צייט, און מען האט געזען פאר זיך א איש אלקים, האט משה רבינו געזאגט, פאר ענק איז גרינג צוצוקומען צו יראת ה'. ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, דער אייבערשטער בעהט נישט פון דיר גרויסע זאכען, כי אם ליראה את ה' אלקיך ללכת בכל דרכיו, מען קען צוקומען דערצו, עס איז נישט שווער. פרעגט די גמרא, יראה איז דאך נישט א מילתא זוטרתא. זאגט די גמרא, אין, לגבי משה, ווע מען געפונט זיך מיט משה צוזאמען, ווען מען איז צוזאמען מיט א משה רבינו, מילתא זוטרתא היא, איז יראה א גרינגע מדה.

**די** טייערע בחורים וואס געפונען זיך ארומגענומען מיט אזעלכע חשובע מגידי שיעורים, מיט א ראש ישיבה, וואס די ליבשאפט צו יעדן תלמיד איז מיטן גאנצן הארץ, איז נישט קיין חידוש אז מען האט מסיים געווען מסכת בבא קמא. לויט די ארבעט און כוחות וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין דערין, און וואס ער האט געוויזען וואס מען קען פארלאנגען פון א בחור, און צו וואס א בחור קען צוקומען, וואלט ער געקענט אריינלייגען אין ענק אויף מסכת בבא מציעא. עס איז באמת צו באוואונדערן.

*

**דער** פסוק זאגט, מה ה' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ה' אלקיך. עס שטייט אין די גמרא (פסחים כב.) אז שמעון העמסוני האט געדרשנ'ט אלע את'ן שבתורה, ווען ער איז צוגעקומען צו את ה' אלקיך תירא (דברים ו-יג), פירש. וואס קען מען מדמה זיין צום אייבערשטען, אז מען זאל אויך מורא האבן פון דעם. האט ער זיך פורש געווען. עד שבא רבי עקיבא, און רבי עקיבא האט געדרשנ'ט, את ה' אלקיך תירא, לרבות תלמידי חכמים. עס איז דא נאך א יראה, מורא צו האבן פון תלמידי חכמים.

**דער וועג צוצוקומען צו יראת ה' איז, ווען מען פאלגט אלעס וואס דער ראש ישיבה און די מגידי שיעורים פארלאנגען. און עס איז נישט אזוי ווי מצות אנשים מלומדה, אז מען האט נישט קיין ברירה. נאר מען פארשטייט אז דאס איז דער תכלית און דער תועלת. דאס שטייגען פון א בחור איז, מקבל צו זיין. מען איז נאך יונג, מען מיינט אז מען פארשטייט אלעס, מען פארשטייט גארנישט. ווען מען ווערט אביסל עלטער, און מען קוקט צוריק אויף די יונגע יארן, זעהט מען ווי ווייט מען האט נישט פארשטאנען. און די עבודה איז צו פאלגען. וואס מען הערט זאל מען מקבל זיין, און פראבירן זיך צו פירן אויף דעם וועג. דעמאלטס קען מען צוקומען צו אלע מדריגות.**

**ועתה** ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה 'את ה' אלקיך', נישט נאר מורא האבן פונעם אייבערשטען, נאר 'את' ה' אלקיך, וואס מען הערט פון א מגיד שיעור, וואס מען הערט פון א מרביץ תורה, זאל מען עס אננעמען מיט א יראת הכבוד, און גיין אין דעם וועג. דעמאלטס וועט זיין אלע זאכן וואס איז אויסגערעכנט אין פסוק, און יראה וועט זיין א מילתא זוטרתא.

**עס** איז דא א משמר היוצא, און מען האלט שוין ביי די משמר הנכנס. דער פריערדיגער יאר איז א סעמפ"ל פאר די קומענדיגע יאר, צו וויסען אין וואס מען גייט אריין, און וויסען וואס עס ערווארט ענק, און ווי אזוי עטץ וועטס אויסקוקען אין א יאר ארום, אז עטץ וועטס אויך זיין מיט א מסכת אין די הענט, וואס מען וועט קענען געדענקן שטענדיג. דארפן ביידע צוזאמען, סיי די משמר היוצא דארף אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען אויף די יאר וואס איז אדורכגעגאנגען, און דער משמר הנכנס דארף אויך אפגעבן א דאנק פארן אייבערשטען, אז זיי זענען אריינגעקומען אין אזא שיינע מקום תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל מצליח זיין ווייטער אויך, און מען זאל קענען וואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. איך מוז ארויסברענגען צוויי יונגעלייט וואס האבן זיך אריינגעלייגט דא, מיט מסירת נפש ממש. רבי יהודא באדאנסקי זאל זיין געזונט, מיט רבי יואל פיליפ זאל זיין געזונט, וואס טאג און נאכט, אלע פראבלעמען מיט אלע שוועריקייטן נעמען זיי אויף זייערע פלייצעס, אז זיי זאלן קענען אהערשטעלן דעם מקום תורה. און ב"ה חפץ ה' הצליח בידם, זיי האבן א געוואלדיגען זכות פון החזקת התורה, וואס זיי האבן אויפגעבויט א נייעם מקום תורה אין די שטאט. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ווייטער אויך ביי זייערע קינדער. מען טרעט שוין אריין באלד אינעם נייעם יאר, זאלן מיר אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר, און א לוסטיג יאר, שטייגען אין תורה און עבודת ה', און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

__*יום חמישי פרשת עקב*__

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **אליעזר** נ"ו בן הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

__*שבת קודש פרשת עקב*__

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הסעודה ביחד עם תלמידי ישיבתינו הק'. בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **שלמה זלמן כ"ץ** נ"ו.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** (לרגל יומא דהילולא ביום כ"ו אב).

__*וזה תוכן דבריו:*__

**די** וואך איז די יארצייט פונעם **סאטמארער רב זיעועכ"י**. יעדער ווייסט אז אויסער זיין גדלות אין תורה און עבודה און גמילת חסדים, האט ער מקים געווען עולה של תורה. דאס וואס אמעריקע זעהט היינט אויס ווי אזוי עס זעהט אויס, איז א גרויס טייל צו פארדאנקען וואס ער האט עס אריינגעברענגט. נאך א מלחמה, ווען עס איז געווען א עולם תוהו ובוהו, האט ער דאהי צוריקגעשטעלט יודישקייט, אז עס זאל זיין אזוי ווי עס איז געווען אין אמאליגע צייטן. ער האט נישט מוותר געווען אויף קיין שום זאך וואס עס איז געווען אינדערהיים, אז ער זאל עס נישט אריבער ברענגען אהער אויף אמעריקע. סיי אז מען זאל גיין אנגעטון חסידיש, סיי אין צניעות. דאס וואס כלל ישראל זעהט היינט אזוי אויס, האט יעדער צו פארדאנקען א חלק פון זיין יודישקייט פארן **סאטמארער רב זי"ע**. אויסער דעם, זיין מלחמה וואס ער האט געהאלטן אקעגן די ציונים אין ארץ ישראל, איז פאר אונז אליין דא אסאך צו פארדאנקען פאר זיין זכות.

**ער** איז אוועק תשל"ט, עס איז שוין כמעט זיבן און דרייסיג יאר וואס ער לעבט נישט. די לעצטע עלף יאר זיינע, פון תשכ"ח ביז תשל"ט, איז ער נישט געזונט געווען, ער האט געהאט א סטרא"ק. און וואס איך ווייס צו פארציילען, ווייס איך נאר צו פארציילען ביז תשכ"ח, ווילאנג ער איז געווען געזונט, דעמאלטס האב איך זיך אסאך געדרייט דארט. שפעטער ווען ער איז נישט געזונט געווארן, האט ער שוין כמעט קיינמאל נישט געפירט קיין טיש, אויסער ווען עס איז געווען א אסיפה וכדומה איז ער אריינגעקומען, ער האט נאר אויפגענומען און געזעגענט דעם עולם.

*

**איך** האב זיך ב"ה געדרייט ביי אסאך צדיקים, פון מיין יוגענט אן, אבער ביים **סאטמארער רב** האב איך זיך געדרייט דאס מערסטע. מיר זענען געווען שכנים, מיר האבן געוואוינט נישט ווייט איינס פונעם אנדערן, דער **סאטמארער רב** האט געוואוינט אויף בעדפארד קארנער קליימער, און די בית המדרש איז געווען אויף בעדפארד קארנער ראסס, און ער איז יעדן טאג געגאנגען צופוס דריי גאסן, פון זיין דירה ביז צום בית המדרש. און אונז האב מיר געוואוינט אינדערמיט, צווישן די בית המדרש און זיין דירה, און ער איז יעדן טאג אדורך נעבן

אונזער הויז, סיי ווען ער איז געגאנגען דאווענען, און סיי ווען ער איז צוריקגעגאנגען. אין דער וואכן, שבת, יום טוב, איז אלץ געווען דער וועג.

**אלץ** קינד האב איך געלערנט אין סאטמאר, דעמאלטס איז די תלמוד תורה געווען א שטיק צייט העכער דעם בית המדרש. דער בית המדרש איז געווען אונטען, און העכער דעם איז געווען איין שטאק די תלמוד תורה, און א שטאק העכער איז געווען די ישיבה. אלעס איז געווען אין איין בנין. און מיטאג ווען מען האט געהאט לאנט"ש א שעה צייט, פלעגט עס בדרך כלל אויסקומען אין די שעה פונעם סאטמארער רב'ס דאווענען, איינס אזייגער בערך פלעגט ער צו דאווענען, עכ"פ ער האט דעמאלטס געהאלטן אינמיטן דאווענען, פון צוועלף ביז צוויי איז געווען די שעות וואס ער איז געווען אין בית המדרש. און עס איז אונז אלץ אויסגעקומען אלץ קינדער, אז מיר זענען ארויפגעלאפען און אראפגעלאפען, אלץ זענען מיר געווען דארט צוזאמען, און מיר האבן זיך געזעהן כמעט יעדן טאג.

**אזוי** ווי אונז האב מיר געוואוינט נאנט, האב איך כמעט נישט פארפעלט א טיש פרייטאג צו נאכטס, און שלש סעודות. איך בין געווען א יונגעל פון אכט, ניין, צען יאר. וועך עס האט נישט געזען דעם טיש, ווייסט נישט וואס איז טייטש ווי אזוי א ערליכער יוד זעהט אויס ביים עסן.

**זיין** דאווענען איז געווען מיט א געוואלדיגער השתפכות הנפש. ראש השנה פלעגט מיין **טאטע זכרונו לברכה** צו בלאזן שופר ביים **סאטמארער רב**, דער **סאטמארער רב** פלעגט צו בלאזן די תקיעות דמיושב, ווען מען איז אריינגעקומען צו בלאזן שופר. און ביי די שטילע שמונה עשרה און ביי די הויכע שמונה עשרה פלעגט מיין **טאטע זכרונו לברכה** צו בלאזן. ער האט קודם געדאווענט ביי זיך אין בית המדרש, און נאכן דאווענען איז ער אהין געגאנגען בלאזן שופר. און ער פלעגט מיך אייביג מיטצונעמען, און אזוי ווי ער איז געשטאנען אויבן אן, פלעגט ער מיך מיטנעמען נעבן זיך, און איך פלעגט צו שטיין ממש כמעט נאנט צום **סאטמארער רב** ביי זיין דאווענען.

**ווען** איך בין געווען א יונגעל, [איך זאג עס אסאך מאל, כדי מען זאל וויסען ווי אזוי עס האט אמאל אויסגעקוקט], איך בין אלט געווען פון די עלף און א האלב יאר ביז די צוועלף און א האלב יאר, האבן מיר געלערנט אין חדר מסכת גיטין. און סוף יאר, נאך שבועות, האט דער **סאטמארער רב זי"ע** אונז פארהערט. אונז האב מיר אפגעלערנט דעמאלטס, פון אנהייב מסכת גיטין ביז אינמיטן פרק השולח, כמעט נאנט צו פופציג בלאט! האבן מיר, יונגעלך אין חדר, געלערנט גמרא רש"י תוספות! און מען איז זיך געגאנגען פארהערן, דער **סאטמארער רב** איז געזעסן אויבן אן, און מיר קינדער זענען געשטאנען אין די רייע איינס נאכן אנדערן, און א גמרא, און ער האט פארהערט יעדן איינעם. וואס איז תוספות קשיא, און וואס איז תוספות תירוץ. און איך קען זאגן אז רובם ככולם האבן געקענט. איך וויל זאגן וואס צוועלף יעריגע יונגלעך קענען אנקומען. מען האט יעדע וואך געלערנט צוויי בלאט גמרא רש"י תוספות. און מען האט געחזר'ט, מען האט געוואוסט אז מען גייט זיך שטעלן פאר א פארהער, און מען האט געקענט. און וואס האט מען באקומען דערפאר? ווען מען האט געענדיגט דאס פארהערן, האט מען אריינגעברענגט א שיסעל קאצק"ע צוקער, און יעדער האט באקומען איין קאצק"ע צוקער. דאס האט מען אונז באצאלט פארן פארהערן. היינט דארף מען צוזאגן צו קענען האלב גיטין, ווייס איך וואס, אז מען זאל לערנען.

*

**דער סאטמארער רב** איז געווען זייער גרויס אין צדקה, און ער האט עס אריינגעברענגט אין זיינע חסידים, אלע זענען זיי געוואלדיגע בעלי צדקה. און פאר צדקה באצאלט דער אייבערשטער, און זיי זענען טאקע נגידים אויך. ונתנו (שמות ל-יב) שטייט אין הייליגע ספרים (**בעל הטורים שם**), אז מען גיט, גיט דער אייבערשטער צוריק. און עס איז א פלא, אז ער האט כמעט נישט גערעדט פון צדקה. ווען מען ווערט ארייננקוקען אין **דברי יואל**, קען מען ציילען די דברי תורה וואס רעדט זיך פון צדקה וחסד. ווען ער האט גערעדט, האט ער גערעדט אדער פון לימוד התורה און עבודת ה' אדער פון ארץ ישראל וכדומה, אבער פון די נושא פון צדקה האט ער

כמעט נישט גערעדט. נאר ווען עס איז געווען א דינער וואס מען איז זיך צוזאמגעקומען פאר די מוסדות, האט ער גערעדט פון צדקה. און פון דעסטוועגן דאך האט ער אריינגעברענגט אין זיין עולם, די מדה פון צדקה, ווייל נישט אלעס איז מיטן רעדן, ווען מען קוקט צו ווי אזוי א ערליכער יוד פירט זיך, ברענגט עס אריין אז מען זאל זיך אפלערנען פון זיינע מדות. ער אליין איז געווען א געוואלדיגער בעל צדקה, א געוואלדיגער בעל חסד, און ער האט עס געפאדערט פונעם עולם בפועל.

**ער** פלעגט שטענדיג צו מאכן אפיעל'ס אין די בתי מדרשים. עס איז געווען א זעלטענהייט דעמאלטס, בדרך כלל האט דער עולם נישט געהאט קיין געלט, יעדער האט געהאט די אייגענע מוסדות, און מען האט קוים געקענט דעקן די אייגענע מוסדות, און ווי אזוי קען מען נאך נעמען א עול פון אנדערע. ביי יעדע זאך האט מען געמאכט חשבונות, אז טאמער מען וועט געבן פאר אנדערע, וועט מען נישט האבן פאר זיך. און ער האט איינגעפירט אז יעדן שבת איז געווען א אפיעל פאר אנדערע מוסדות. און ער האט אויסגעלערנט דעם עולם, אז מען דארף געבן נאכאמאל און נאכאמאל, ביז מען איז געווארן בעלי צדקה.

**ער** האט פארלאנגט פון די בחורים אין די ישיבה אז מען זאל גיין נאך געלט. עס איז געווען א סדר, און יעדער בחור האט געדארפט אין משך פונעם זמן, אריינברענגען געלט פאר צדקה. ער פלעגט צו זאגען, אז אויב מען געוואוינט זיך נישט צו אלס בחור צו גיין נאך געלט פאר יודענס וועגן, וועט מען נישט גיין שפעטער נאך געלט פאר יודענס וועגן. מען דארף עס קענען אדורכברעכען ביי זיך, און אז מען געוואוינט זיך צו, צו גיין אלס בחור, בלייבט עס איבער אויף שפעטער. דאס וואס ער האט געפאדערט אלס צדקה, און בפועל האט מען געזען ווי אזוי ער גיט זיך אוועק פאר מענטשען ארויסצוהעלפן, דאס האט אריינגעברענגט צוביסלעך צוביסלעך ביי זיין עולם, אז מען דארף טיילען געלט. און אזוי האט ער אויפגעשטעלט א דור פון צדקה וחסד.

*

**דער סאטמארער רב** האט שטארק אכט געגעבן אויף די געלט וואס ער האט באקומען. ער פלעגט צו האבן א בעקיטשע, און אין די בעקיטשע האט ער געהאט טאשן, און ער האט געהאט א וועסטעל, און די וועסטל האט געהאט אפאר טאשן. און ער האט געהאט פארשידענע געלטער, ער האט נישט אויסגעמישט איינס מיטן אנדערן. ביי נעמען קוויטלער, האט ער געהאט אויפן טיש צוויי הויפענ'ס, איין סארט געלט, און א צווייטע סארט געלט, און ער האט שטארק אכט געגעבן אז די געלט זאלן זיך נישט אויסמישען. און נאכדעם האט ער מסדר געווען די געלט ביי זיך, עס איז געווען געלט וואס ער האט אליין נהנה געווען, און עס איז געווען געלט וואס ער האט אוועקגעגעבן, און עס איז געווען געלט וואס ער האט נישט געוואלט נוצען.

**ווען** איך בין געווען א יונגעל, און מיין **טאטע זכרונו לברכה** פלעגט שיקן משלוח מנות פארן **סאטמארער רב**, בין איך געווען דער שליח, איך האב עס געטראגען, און ער פלעגט מיר צו געבן פינף דאלער, עס איז געווען דעמאלטס אסאך געלט, מען האט עס גערופן 'אויסלייז געלט' פארן ברענגען די משלוח מנות. און אלץ האט ער ארויסגענומען דעם פינפ'ער פונעם זעלבן וועסטל טאש, און עס מיר געגעבן. ער האט געהאט זיין געלט, וואס די געלט האט ער צוטיילט.

*

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** לספר כמה סיפורים במדת צדקת פזרונו לעניים ולנצרכים (מתוך הספר מושיען של ישראל ח"ו). בברכת המזון נתכבד הר"ר **אשר יעקב מוענצער** הי"ו.